YIDISHE EYNAKTERS



NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

5

ייִדישע אײנאַקטערס

פֿון

◆ שלום עליכם

◆ י. ל. פּרץ

◆ י. טונקל

◆ י. מאַרשעליק

באַאַרבעט פֿאַר דער בינע פֿון

וואָלף און סילוויאַ יונין

אַרויסגעגעבן פֿון
בילדונגס-אָפּטײלונג פֿון אַרבעטער-רינג

Published by the Education Dept., Workmen's Circle
175 EAST BROADWAY, N. Y. 10002

KHANIKE-GELT

Narrator:

It's a historical fact that the majority of the Jews in Eastern Europe lived in poverty. It is also a fact that these poor Jews were immensely rich in their way of life and in their spiritual possessions.

The traditional way of celebrating Jewish holidays was a living heritage that passed from generation to generation. Traditions were no less important than religious laws. For children in particular, each holiday had its own taste, its own smell, its own color.

Khanike, the symbol of Jewish resistance to forced assimilation, was one of the happiest holidays for adults and one which children also enjoyed. In Sholem Aleichem's Khanike-Gelt, we rediscover the joyousness of being inside a Jewish holiday, not mere onlookers witnessing a celebration.

To quote Sholem Aleichem: "Well children, guess what holiday is the best of all holidays? Not going to kheder for eight days, eating latkes and shmalts, playing dreydl and getting Khanike-Gelt from all sides. Well, do you need a better holiday?"

"Winter. Outside, bitter cold. In the house it's warm, delightful. The silver Khanike lamp is ready since afternoon. Father is finishing the Mayrev-prayer - he's almost at the end. . ."

חנוכה־געלט

פון שלום עליכם

באארבעט פאר דער בינע פון וואָלף יונין

בילד 1

נאראטאָר: אנו, טרעפט קינדער, וואָסער יום־טוב איז דער בעסטער פון אלע ימים טובים?
אכט טעג בסדר ניט גיין אין חדר, עסן לאטקעס מיט שמאלץ, שפּילן אין דריידל און באקומען פון אלע זייטן חנוכה־געלט. נו־ באדארף מען נאָך האָבן א בעסערן יום־טוב?
ווינטער. דרויסן ברענט א פראָסט. אין שטוב איז ווארעם ־ מחיה נפשות. דאָס זילבערנע חנוכה־לעמפל שטייט גרייט נאָך פון בייטאָג. דער טאטע דאוונט אָפּ מעריב און האלט שוין ביי עלינו...

טאטע: (נעמט ארויס דעם „שמש"פון טישקעסטל גרייט צו בענטשן חנוכה־ליכט)
אי, עלינו לשבח... שהוא נוטה שמים ויוסד הארץ ־ נו אי־אָ.

עליע און מאָטל: (וואָס? א שוועבעלע)

טאטע: (וויזט מיט דער האנט צו דער קיך אי־נו־אָ! ... ועל כן נקוה לך... אי־אָ־נו...

עליע: וואָס? א קאָלאָדאטשמעסער (קיכמעסער)

מאָטל: א שערל?

עליע: דאָס אייבערשטע פון שטייסל?

טאטע: אָ־נו!...פּע... נו ־ אמי(אימי)... ביום הוא יהיה יי אחד ושמו אחד... די מאמע! רופט אריין די מאמע, לאָז זי גיין הערן בענטשן חנוכה־ליכטלעך.

מאָטל,עליע: (לאָזן זיך ביידע לויפן) מאמע, גיבער! חנוכה־ליכטלעך!

מאמע: (לויפט אריין פארשמייעט פון קיך און נאָך איר ־ ברײנע די קעכין.
די מאמע שטעלט זיך אָן א זייט, פארריכט דעם פארטעך, מאכט א פרום פנים. בריינע בלייבט שטיין ביי דער טיר מיט א גרויסער שיסל און א הילצערן לעפל. טוט א שמיר די נאָז מיט דער האנט אויבן ארויף).

וועלוול און מאָטל פארשטעלן זיך די מיילער ניט ארויסצופלאצן אין א געלעכטער)

טאטע: (מיטן אָנגעצונדענעם שמש ביים חנוכה־לעמפל מאכט די ברכה מיטן באקאנטן ניגון און לאָזט אויס) להדליק נר של חנוכה!

מאמע: ברוך הוא וברוך שמו, אָמן!

ברײנע: (שאָקלט צו מיטן קאָפ און מאכט מאָדנע פיסקעס)

וועלוול און מאָטל: (כאפן א פארגנבעטן קוק איינע אויף די צווייטע)

טאטע: (הייבט אָן ארומשפאצירן הין און צוריק, קוקט אויפן חנוכה־לעמפל און זאָגט זיך זיינס ווייטער) אי, הנרות הללו שאָנו מדליקין!...

עליע: (טוט א שטופ מיטן עלנבויגן מאָטלען) מאָטל, גיי צו, זאָג אים חנוכה־געלט.

מאָטל: וואָס עפּעס איך זאָל זאָגן חנוכה־געלט?

עליע: אזוי, וואָרן דו ביסט קלענער, באדארפסטו בעטן חנוכה־געלט.

מאָטל: טאָמער פארקערט? דו ביסט עלטער, באדארפסטו בעטן חנוכה־געלט.

טאטע: (מאכט זיך ניט הערנדיק. גייט צו געלאסן צום טישקעסטל, ציילט מטבעות. ביידע ברידערלעך קוקן בעת מעשה אויף דער סטעליע, קראצן זיך אונטער א פאה ־ ווי ניט זיי מיינט מען. דער טאטע טוט א הוסט) הן! קינדער, קומט נאָר אהער!

ביידע: האַ? וואָס איז?

טאטע: נאט אייך חנוכה־געלט.

ביידע: (טוען א שפרונג אונטער צו דער טיר אונטערזינגענדיק) ענגע, בענגע, סטופּע, צענגע,־ ארצע, בארצע, גאָלע שווארצע ־ איימעלי, ריימעלי, בייגעלי, פייגעלי ־ האָפּ!

(גיבן זיך אליין א פאטש אין אָנגעבלאָזענע באקן. אין דער רגע באווייזט זיך פעטער בעני. די מאמע און ברײנע לויפן הענדום־פענדום אין קיך אריין.)

בעני: אנו, חברה־פלעצל, אייך קומט דאָך עפּעס חנוכה־געלט! (לייגט אריין

[illegible]
[illegible]

[illegible]: ([illegible]) [illegible]
[illegible]

[illegible]: [illegible]

[illegible]: ([illegible])

[illegible]
[illegible]: ([illegible])

[illegible]: ([illegible]) [illegible]
[illegible]

[illegible]: ([illegible]) [illegible]
[illegible]

[illegible]: [illegible]

[illegible]: [illegible]

[illegible]: [illegible]

[illegible]: ([illegible]) [illegible]
[illegible]
[illegible] ([illegible])
[illegible]!

[illegible]: [illegible]

[illegible]: [illegible]

[illegible]: ([illegible]) [illegible]
[illegible]
[illegible]
([illegible]
[illegible]
[illegible])

[illegible]: [illegible] ([illegible])

די ביידע הענט אין די קעשענעס, נעמט ארויס א פּאָר מטבעות און
גיט זיי חנוכה־געלט)

טאטע: (נעמט ארויס א בויגן פּאפּיר און הייבט אָן צעווירען אויף קעסטעלעך)
צו ביידע חברה־לייט: זאָגט דער מאמען, זי זאָל הייסן ברײנען ארײַנ־
טראָגן פון קיך שווארצע און ווייסע פּאסאָליעס אויף צו שפּילן דאָמינע.
(ביידע חברה־לייט פארשווינדן)

טאטע: (אויסלייגענדיק דאָס צעווירעטע פּאפּיר) נו, וואו איז זי די ברײנע?

ברײנע: קומט אָן מיט פּאסאָליעס אין א שיסעלע) פון מײַן לויפן מיט פּאסאָליעס
וועט קיין לאטקעס ניט ווערן...(ווישט זיך די נאָז מיט דער האנט
ארויף. פארשווינדט).

בעני: און פון מײַן ווארטן אויף לאטקעס וועט דאָ (ווייזט אויפן בויך)
ניט ווערן היימלעבער.

טאטע: אײַן זאך וועל איך דיר בעטן, בעני (ביידע שטעלן אויס די פּאסאָליעס)־
בלא חרטה ובלא דרײ, דאָס הייסט: א גאנג זאָל זײַן א גאנג.

בעני: א גאנג איז א גאנג.(און ער גייט א גאנג)

טאטע: אזוי איז עס: א גאנג איז א גאנג (שלאָגט אָפּ בענים א ציגעלע).

בעני: א גאנג איז א גאנג ־ און אָט ווער איך פּטור פון דײַנע צוויי ציגעלעך.

טאטע: (קייט די באָרד, טרייסלט מיט די פיס אונטערן טיש. ביידע זינגען
אונטער דאָס זעלבע לידל) אוי, וואָס טוט מען? וואָס טוט מען? (מיט
א גמרא ניגון) זאָל איך גיין אהער? ־ וועט ער גיין אהין. וועל
איך גיין אהין ־ וועט ער גיין אהער. באדארף מען בעסער גיין אזא
מין גאנג!

בעני: (פּויקט מיט די פינגער פון איין האנט אויפן טיש און העלפט אים
אונטער) אזא גאנג! אזא מין גאנג!

טאטע: (דרייט מיט א פינגער צו זיך) וואָס זשע באדארף איך מורא האָבן?
טאָמער שלאָגט ער מיר אָפּ דאָס אנדערע ציגעלע? וועל איך ביי אים
צונעמען צוויי ציגעלעך. אײ וואָס ־ טאָמער מיינט ער מיר צו שלאָגן
דריי ציגעלעך?

טאטע: (זינגענדיק) אוי, ביסטו א טיפש, בעני ־ א טיפש און א גרויסער!
(און גייט א גאנג)

בעני: ביסט אליין א טיפש, מיין ברודער, און נאָך א גרעסערער! (ער גייט א
גאנג און כאפט זיך באלד צוריק)

טאטע: (ברוגזלעך, אָן א ניגון) פע, בעני ־ מיר האָבן דאָך גערעדט, א
גאנג איז א גאנג! (טוט אים א כאפ פאר דער האנט)

בעני: א גוטער־משל... כל זמן איך האלט אין מיטן א גאנג, מעג איך מיר
גיין וואוהין איך וויל!

טאטע: ניין! א גאנג איז פארפאלן. מיר האָבן דאָך עפּעס געשמועסט, בעני ־
בלא (בעלוי) חרטה און בלא דריי!

בעני: חרטה? וויפל מאָל מאכט זיך אז דו האָסט חרטה?

טאטע: איך?... ע, בעני! דערפאר האָב איך דאָך פיינט מיט דיר צו שפילן
אין דאָמינע!

בעני: ווער זשע נייט דיך זאָלסט מיט מיר שפילן?

מאמע: (קומט אָן א צעטראָגענע פון די אמפעריען, נאָך איר ברייע די קעכין
מיט א גרויסן טעלער מיט לאטקעס). שוין? מע קריגט זיך שוין
איבער א פאסאָלקעליע? ־ נעמט ארונטער פון טיש און לאָמיר מאכן
אָרט פאר די לאטקעס.

(עליע און מאָטל לויפן אָן)

עליע: (זינגט) איין לאטקע מיר! (מיטן ניגון פון „איין בוטל ביר")"

מאָטל: צוויי לאטקעס מיר!

עליע: דריי לאטקעס, לאטקעס מיר!

מאָטל: פיר לאטקעס מיר!

עליע: פינף לאטקעס מיר!

ביידע: זעקס לאטקעס,לאטקעס מיר.

(פארפינצטערונג)

בילד 2

נאראטאָר: ביינאכט אויפֿן געלעגער ליגט עליע און טראכט. פֿון וואנען ווייס איך וואָס ער טראכט? הערט, וועט איר אויך וויסן:

עליע　(צו זיך) וויפֿל קאָן זיך א שטייגער, ביי מיר צונויפֿקלייבן, אז אלע פֿעטערס מיט אלע מומעס מיט אלע קרובים וועלן מיר געבן חנוכה־געלט? ראשית ־ דער פֿעטער אהרן, דער מאמעס ברודער. אפֿילו זייער א קארגער, נאָר א נגיד. נאָך דעם דער פֿעטער איצי און די מומע דבורה, וואָס דער טאטע און די מאמע זיינען מיט זיי ברוגז שוין יאָרן. היינט דער פֿעטער ביניש און די מומע יענטע? און אלע איבעריקע קרובים? (צו מאָטלען) מאָטל, דו שלאָפֿסט?

מאָטל: יאָ, וואס איז דען?

עליע: וויפֿל מיינסטו, וועט אונדז געבן דער פֿעטער משה־אהרן חנוכה געלט?

מאָטל: פֿון וואנען זאָל איך וויסן? איך בין דען א נביא?

(פּויזע)

עליע: מאָטל, דו שלאָפֿסט?

מאָטל: יאָ, וואָס איז דען?

עליע: עמעצער האָט אזוי־פֿיל פֿעטערס און מומעס ווי מיר?

מאָטל: אָדער יאָ, אָדער ניין.

(לענגערע פּויזע)

עליע: מאָטל, דו שלאָפֿסט?

מאָטל: יאָ, וואָס איז דען?

עליע: ווי באלד דו שלאָפֿסט, היינט ווי אזוי רעדסטו צו מיר?

מאָטל: (פֿארחידושט) דו פֿרעגסט דאָך מיר, מוז איך דיר ענטפֿערן.

(לענגערע פּויזע)

עליע: מאָטל, דו שלאָפֿסט?

(מאָטל פּייפֿט אונטער, כראָפּעט, סיקעט, כאָרכלט...)

עליע: דאכט זיך וואָס? א שטיקל פּאפּיר? און וואָס מען קען דערפֿאר אלץ קויפֿן (גלעט דאָס געלט) צאצקעס, מעסערלעך, שטעקעלעך, ביטעלעך,

נים און קאָנפעקטן, און ראָזשינקעס און באָקסער און וואָס ניט?
(ביידע כראָפּען אויף א קול, ווערן שטילער א ביסל ווען נאראטאָר
נעמט איבער)

נאראטאָר: ברײנע מיט א פולן פאלעמוסיק מיט קערבלעך.... אוי! ברײנע גייט
ניט נאָר זי שוועבט. מאָטל שלינגט די קערבלעך ווי האַלישקעס....

עליע: גאָט איז מיט דיר, מאָטל - וואָס טוסטו? די קערבלעך??? טפו, טפו!,
טפו! א חלום!.....
(פארפינצטערונג)

<u>בילד 3</u>

נאראטאָר: אויף מאָרגן אין דער פרי האָט די מאמע אָנגעטאָן עליען און מאָטלען
אין קעצענע טולעפּלעך, זיי ארומגעוויקלט אין גרויסע ווארעמע שאלן.
וואוהין גייט מען נאָכן אָפּדאַווענען און איבערבייסן? - צום פעטער
משה-אהרן מיט דער מומע פעסל. (פעטער אהרן אין אן אלטן כאלאטל
מיט א וואטאָווער יארמלקע, שיטערע וואָנצעס, ווישט זיך די הענט אין
א האנטעך און זאָגט „נקבים... נקבים, חלולים, חלולים.)

עליע און מאָטל: א גוט מאָרגן פעטער משה-אהרן! (מומע פעסל באווייזט זיך)

פעסל: (טוט זיי אוים די טולעפּלעך, וויקלט זיי אוים פון די לאנגע שאלן
און ביידע דרייען זיך אָפּ ווי פון וויקלפאפיר. זי הייבט אויף דעם
פארטעך) שנייץ! (צום צווייטן) דו אויך, שנייץ! זשאלעווע ניט, שנייץ
גוט אוים! נאָך! נאָך! אָט אזוי!

עליע, מאָטל: (זעצן זיך האלב דערשראָקן אויף האלבע בענקלעך)

פעסל: (זעצט זיך פונקט אקעגן זייביידן און נעמט זיי אויפן צימבל -
אויספרעגן) ס'מאכט דער טאטע?

עליע: גאָרניט.

פעסל: ס'מאכט די מאמע?

מאָטל: גאָרניט.

פעסל: געקוילעט גענדז?

עליע: געקוילעט.

פעסל: געפרעגלט שמאלץ?

מאַטל: געפרעגלט.

פעסל: געבאקן לאטקעס?

עליע: געבאקן.

פעסל: דער פעטער בעני געווען?

ביידע: געווען.

פעסל: געשפילט אין דאָמינעס?

מאַטל: געשפילט.

פעסל: נו גוט — ווייזט אהער די נעזערן (שנייצט זיי ווידער די נעזער אין איר פארטעך) משה־אהרן!

משה־אהרן: הא?

פעסל: מע דארף זיי עפעס געבן חנוכה־געלט.

משה־אהרן: א? כ'הער ניט! (לייגט איבער די וואטע פון איין אויער אין צווייטן).

פעסל: די קינדער... חנוכה־געלט.(שרייט אים גלייך אין אויער אריין) חנוכה־געלט!

משה־אהרן: (בראָדעריש — מיט א שארפער ריש — ניט קיין רוסישע „ר", נאָר א פראנצייזישע) וואָס דארפן י קינדער געלט? וואָס וועט איר טאָן מיט געלט — א? אויסגעבן, צעטרענצלען? וויפל האָט אייך געגעבן דער טאטע אייערער חנוכה־געלט, א?

עליע: מיר א קערבל און אים א האלבס.

משה־אהן: א קערבל?!!! אזוי? מע באלעוועט קינדער, מע מאכט פון זיי א חל. וואָס וועסטו טאָן מיטן קערבל — צעבייטן — א? זאָלסט עס ניט צעבייטן, דו הערסט וואָס איך זאָג דיר! ניט צעבייטן!

פעסל: ניט צעבייטן, יאָ צעבייטן — ס'איז ניט דיין באָבעס דאגה! דו בעסער גיב זיי אָפ זייערס און לאָזן זיי גיין געזונטערהייט.

משה־אהרן: (קראצט אויס פון א טייסטער עטלעכע מטבעות. רוקט צו צו די אויגן, ווי א קארגער געבער און רעדט צו זיך אליין) המפ! מע פירט איבער קינדער, מע מאכט פון זיי א חל! (רוקט זיי אריין אין האנט עטלעכע מטבעות).

מומע פעסל: (ווידער מיטן פאַרטעך צו די נעזער) אנו, ווער גיט דער ערשטער די נאָז?... איז צו ווען דאַרפט איר נאָך גיין נאָך חנוכה-געלט, אַ?

עליע: צום פעטער איצי און די מומע דבורה...

מאָטל: צום פעטער ביניש און די מומע יענטע...

(בּיסלעכווייז פאַרטונקלט. נאַראַטאָר נעמט איבער)

נאַראַטאָר: צו זייער שוועסטער איידל און איר מאַן שלום-זיידל. איי, האָט די איידל געהאַט אַ חתונה מיט אַ באַדעקנס, בעת מנשה פידעלי דער כלי-זמר האָט זי געגומען באַזעצן און ר׳ברוך בדחן איז אַרויף אויפן טיש און האָט אָנגעהויבן מיטן שיינעם טרויעריקן ניגון:
איי - כלה-לעבן, כלה-לעבן ווין זשע וויין,
דיינע טרערן האָבן אצינד דעם זיבעטן חן...
אָבער וואָס האָב איך זיך דערמאָנט פּלוצעם אָן איר חתונה, ווען מע רעדט וועגן חנוכה? איז וואָס האָב איך געוואָלט פרעגן, קינדער: טרעפט וואָסער יום-טוב איז דער בעסטער פון אַלע יום-טובים?-געטראָפן!

(פאָרהאַנג)

IT'S A LIE

Narrator:

In Sholem Aleichem's time, (between 1859 and 1916), gossip columnists had not yet been invented. People had to stand on their own two feet and do their own gossiping. The art of gossiping was always considered a peculiarly feminine talent. It took a man of Sholem Aleichem's literary stature to debunk it. Partisans of Women's Lib will note with great satisfaction that the main characters in the following one-act play are both men.

S'a Lign or It's a Lie, written in 1906, takes place on a train. It could just as well take place on a jet or even on a trip to the moon. That eternal human trait, nosiness, is as old and as modern as the world.

From the two passengers on the train we find out more news about a whole city than an entire news staff could supply. Let's eavesdrop. . .

ס'אַ ליגן

פֿון שלום עליכם

נאַראַטאָר:

דער „דיאַלאָג אין גאַליציע", וואָס שלום עליכם האָט אָנגעשריבן אין 1906, קומט פֿאָר אין אַ באַן־וואַגאָן. די איבעריקע נײַגעריקייט אויסצוגעפֿינען „וואָס בײַ יענעם אין טעפל קאָכט זיך" איז אָנגעמאָסטן אויף אַלע מינים מענטשן און אַלע צײַטן. אָבער „ס'אַ ליגן" שפּיגלט אָפּ דעם ייִדישן שטייגערלעבן פֿון אַ צײַט, ווען מיט לאָקאַלע רכילות און פּאָטשטן האָבן זיך פֿאַרנומען פּשוטע פֿאָלקסמענטשן און ניט קיין פּרעסע־אַגענטן, ראַדיאָ און טעלעוויזיע שרײַבערס און די אַלגעמיינע פּרעסע.

פֿון איינע צוויי ייִדן אויף דער באַן דערווייסט מען זיך נײַעס וועגן אַ גאַנצער שטאָט. און ס'איבעריקע – לאָמיר זיך אונטערהערן!

****

פּאַרשוינען: שמעון
בעריש

שמעון: איר פֿאָרט, דאַכט מיר, קיין קאָלאָמייע?

בעריש: פֿון וואַנען ווייסט איר אַז קיין קאָלאָמייע?

שמעון: כ'האָב געהערט אײַך רעדן מיטן קאָנדוקטאָר.

בעריש: וואָס נאָך האָט איר געהערט?

שמעון: גאָרניט.(פּויזע) איר זענט טאַקע אַ קאָלאָמייער, צי איר פֿאָרט נאָר קיין קאָלאָמייע?

בעריש: טאַקע אַ קאָלאָמייער, וואָס איז דען?

שמעון: גאָרניט, גלאַט אַזוי. עפּעס אַ היפּשע שטאָט קאָלאָמייע?

בעריש: אַ שטאָט ווי אַלע שטעט אין גאַליציע. אַ פֿײַן שטעטל, זייער אַ פֿײַן שטעטל.

שמעון: איך מיין – צי ס'איז פֿאַראַן בײַ אײַך עפּעס פֿײַנע מענטשן, נגידים?

בעריש: פֿאַראַן אַלערליי – פֿאַראַן נגידים, פֿאַראַן קבצנים. געוויינטלעך, מער קבצנים ווי נגידים.

שמעון: דאָס אייגענע וואָס בײַ אונדז – אויף איין נגיד, קיין עין הרע, טויזנט קבצנים. בײַ אײַך אין קאָלאָמייע דאַרף זײַן אַ נגיד פֿינקלשטיין?

בעריש: פֿאַראַן אַ נגיד פֿינקלשטיין. וואָס איז – איר קענט אים?

שמעון: קענען קען איך ניט, נאָר כ'האָב געהערט... הייסט ער ניט ר'שעיה?

בעריש: ר' שעיה. וואָס איז דען?

שמעון: גאָרניט. גלאַט אַזוי, איך פֿרעג. דער שעיה איז טאַקע אַזאַ גביר ווי מע זאָגט?

בעריש: איך ווייס? זײַן געלט האָב איך ניט געציילט. ווען וואָס דאַרפֿט איר עס וויסן? אַקעגן קרעדיט?

שמעון: ניין, גלאַט אַזוי. ער האָט, זאָגט מען, אַ טאָכטער.

בעריש: ער האָט דרײַ טעכטער. אפֿשר מכח אַ שידוך? וויפֿל - האָט מען אײַך געזאָגט - גיט ער נדן דער טאָכטער?

שמעון: ניט וועגן נדן האַנדלט זיך. מע שמועסט פֿון דער שטוב, שמועסט מען: וואָס פֿאַר אַ שטוב איז בײַ דעם שעיה פֿינקעלשטיין? וואָס פֿאַר אַ הויז הייסט עס?

בעריש: וואָס זאָל זײַן פֿאַר אַ הויז? אַ הויז ווי אַלע הײַזער. אַ יידישע שטוב, אַ פֿײַנע שטוב, אַ חסידישע שטוב. מע זאָגט אַפֿילו אַז מכח יידישקייט איז בײַ אים די לעצטע צײַט... נאָר ס'אַ ליגן.

שמעון: וואָס איז אַ ליגן?

בעריש: וואָס מע זאָל ניט זאָגן, איז אַ ליגן. קאָלאָמייע, דאַרפֿט איר וויסן, איז אַ שטאָט פֿון סאַמע ליגנערס.

שמעון: איז טאַקע כדאַי צו וויסן, וואָס - למשל - זאָגט מען אויף זײַן שטוב?

בעריש: מע זאָגט, אַז ס'איז שוין ניט דאָס, וואָס אַמאָל. למשל, אַ מאָל פֿלעגט מען דאָרטן פּסח האַלטן שמורה... ער אַליין פֿלעגט פֿאָרן צוויי מאָל אין יאָר צום רבין. און הײַנט... הײַנט איז שוין ניט דאָס.

שמעון: דאָס גאָר?

בעריש: וואָס דען האָט איר געוואָלט? מע זאָל שוין אַראָפּוואַרפֿן באָרד און פּאות און עסן חזיר בפֿרהסיא (ביפֿרעסיע) - פֿאַר אַלעמען אין די אויגן?

שמעון: איר זאָגט אַז „מע זאָגט", האָב איך געמיינט ווער ווייס וואָס מע זאָגט? דער עיקר איז דאָך אויב דער מענטש אַליין איז אַ מענטש. כ'מיין אָט דער ר' שעיה פֿינקלשטיין, מיין איך - עפּעס אַ פֿײַנער, אַ לײַטישער מענטש?

בעריש: אַ לײַטישער מענטש - אַ מענטש װי אַלע מענטשן. אַ פֿײַנער מענטש. למאַי זאָל איך זאָגן? אַ גאַנץ פֿײַנער מענטש! מע שמועסט אַפֿילו בײַ אונדז, אַז ער איז אַ ביסל... נאָר ס'אַ ליגן!

שמעון: װאָס איז אַ ליגן?

בעריש: אַלצדינג װאָס מע זאָגט אויף אים, איז אַ ליגן. קאָלאָמײַע איז אַ שטאָט, װאָס מע האָט ליב צו רעדן אײנס אויף דאָס אַנדערע. איז װיל איך ניט נאָכזאָגן, װאָרן דאָס הײסט לשון־הרע.

שמעון: װי באַלד איר װײסט אַז ס'איז אַ ליגן, איז דאָך שוין אויס לשון־הרע.

בעריש: מע זאָגט אַז ער איז... אַ ביסל... אַ דרײער.

שמעון: אַ דרײער? יעדער ייד איז אַ דרײער. איטלעכן דרײט זיך דער קאָפּ פֿון דרײען ביז מע דרײט אויס פּרנסה.

בעריש: יאָ, אָבער אַ דרײער צו אַ דרײער איז ניט גלײַך. אויף אים זאָגט מען, פֿאַרשטײט איר מיך... נאָר - ס'אַ ליגן!

שמעון: װאָס זשע, אײגנטלעך, זאָגט מען אויף אים?

בעריש: איך זאָג דאָך אײַך אַז ס'אַ ליגן!

שמעון: װיל איך װיסן דעם ליגן װאָס מע זאָגט.

בעריש: (צעצויגן די װערטער) מע זאָגט, אַז ער האָט שוין דרײַ מאָל אָנגעזעצט. נאָר ס'אַ ליגן! איך װײס נאָר פֿון אײן מאָל באַנקראָט.

שמעון: דאָס אַלץ? װאו האָט איר עס געזען אַ סוחר זאָל ניט אָנזעצן? אַ סוחר אַז ער שטאַרבט אַװעק אָן אַ באַנקראָט, איז אַ סימן אַז ער איז געשטאָרבן פֿאַר דער צײַט. װאָס - ניט אַזוי?

בעריש: יאָ, אָבער אַלץ הײסט אָנגעזעצט! אויף אים זאָגט מען, אַז ער האָט אַראָפּ־געלאָזט די פּאָר רובל צו זיך אין קעשענע און אַרויסגעשטעלט אַלעמען אַ פֿײַג. איר פֿאַרשטײט?

שמעון: ניט קײן נאַרישער מענטש אַט דער שעיה. נו, און אויסער דעם גאָרניט?

בעריש: װאָס נאָך האָט איר געװאָלט? ער זאָל קוילענען מענטשן? מע דערצײלט אַפֿילו בײַ אונדז זײער ניט קײן שײנע מעשה װעגן אים...נאָר ס'אַ ליגן!

שמעון: דהײַנו, װאָס פֿאַר אַ מעשה?

בעריש: אַ מעשה מיט אַ פריץ... עה, כ'ווײס דאָרטן... אַ נעכטיקער טאָג!

שמעון: וואָס פֿאַר אַ מעשה מיט אַ פריץ?

בעריש: עפעס אַ פריץ דאָרטן... קוויטלעך... ווײס איך וואָס קאָלאָמײע קאָן אויס־טראַכטן? ס'אַ ליגן! איך ווײס אַז ס'איז אַ ליגן!

שמעון: נו, אַז איר ווײסט ס'אַ ליגן, וועט דאָך עס אים ניט שאַטן.

בעריש: ער האָט, זאָגט מען, געהאַנדלט מיט אַ רײַכן פריץ. דערווײַל איז דער פריץ געשטאָרבן, האָט ער צוגעשטעלט אויף אים אַ פאָר עקסטרע קוויטלעך אַז יענער קומט אים געלט... איז געוואָרן אַ געוואַלד אין שטאָט: פֿון וואַנעט האָט זיך גענומען צו אים קוויטלעך, אַז דער פריץ האָט זינט ער לעבט ניט אונטערגעשריבן קײן פאַפירל? קאָלאָמײע איז אַ שטאָט וואָס גיט אַכטונג...

שמעון: נו?

בעריש: נו־נו! האָט ער געהאַט אויף זיך אַ פעקל.

שמעון: אָט דאָס גאָר? יעדער ייד האָט אַ פעקל. איר האָט שוין אַמאָל געזען אַ יידן אָן אַ פעקל?

בעריש: דער האָט אָבער געהאַט אויף זיך דרײַ פעקלעך ־ אַזוי זאָגט מען.

שמעון: דרײַ פעקלעך? וואָס נאָך פֿאַר אַ פעקלעך ־ זאָגט מען ־ האָט ער געהאַט אויף זיך?

בעריש: אַ מעשה מיט אַ מיל... נאָר דאָס איז שוין געוויס אַ ליגן!

שמעון: אַוודאי אָפגעברענט און מע האָט געזאָגט אויף אים אַז ער האָט אַ ביסעלע צוגעהאָלפֿן. די מיל איז געווען אַן אַלטע, האָט ער זי גוט סעקורירט בכדי צו שטעלן נאָך דעם אַ נײַע?

בעריש: פֿון וואַנען ווײסט איר אַז ס'איז אַזוי געווען די מעשה?

שמעון: ווײסן ווײס איך ניט, נאָר כ'שטעל מיך פֿאָר.

בעריש; זאָג איך אײַך, אַז ס'איז אַ ליגן.

שמעון: מיך אַרט ניט אַז סע זאָל זײַן אמת. וואָס נאָך פֿאַר אַ פעקל ־ זאָגט איר ־ האָט ער געהאַט אויף זיך?

בעריש: איך זאָג? די שטאָט זאָגט. נאָר דאָס איז שוין כמעט אַ בלבול.

(פ'אַ ליגן)

שמעון: אַ בלבול? פֿאַלשע מינץ?

בעריש: נאָך ערגער!

שמעון: וואָס קען שוין זײַן ערגער?

בעריש: אַ בזיון צו דערציילן וואָס קאָלאָמייע קען אויסטראַכטן. כ'זאָג אײַך: פּוסטע קעפּ, ליידיקגייערס... אפֿשר אַן אונטערגעשטעלטע זאַך צו צאַפּן געלט? אַ קליין שטעטל! און אַ נגיד האָט שונאים...

שמעון: וואָס זשע? ער האָט געהאַט צו טאָן מיט אַ דינסט?

בעריש: זע נאָר - פֿון וואַנעט ווייסט איר? מע האָט אײַך שוין דערציילט?

שמעון: ניין. נאָר כ'טומס מיך אָן. מסתמא געקאָסט אַ שיינע פּאָר קרײַצערס אָט דער דאָזיקער בלבול?

בעריש: לאָמיר עס ביידע פֿאַרדינען אַלע וואָך, וואָס אים האָט עס אָפּגעקאָסט, כאָטש ער איז דרינען גאָט די נשמה שולדיק. אַ קליין שטעטל... אַ ייִד אַ נגיד...פּשוט מע פֿאַרגינט ניט.

שמעון: מעגלעך. זאָגט זשע מיר - האָט ער עפּעס לײַטישע קינדער? דרײַ טעכטער, האָט איר - דאַכט זיך - געזאָגט?

בעריש:(ווײַזט מיט די פֿינגער) דריי. צוויי אויסגעגעבענע און איינע אַ מיידל. פֿײַנע קינדער, זייער פֿײַנע קינדער... אויף די עלטערע זאָגט מען אַפֿילו, אַז... נאָר ס'אַ ליגן!

שמעון: וואָס, למשל, זאָגט מען אויף זיי?

בעריש: כ'זאָג דאָך אײַך אַז ס'אַ ליגן!

שמעון: איך ווייס אַז ס'איז אַ ליגן. איך וויל אָבער וויסן דעם ליגן.

בעריש: אַז איר וועט וועלן אויסהערן אַלע ליגנס וואָס גייען בײַ אונדז אין קאָלאָמייע, וועט אײַך ניט קלעקן קיין דרײַ טעג מיט דרײַ נעכט...אויף דער עלטערער, זאָגט מען, אַז זי גייט מיט די אייגענע האָר..

שמעון: אַזוי!

בעריש: קען איך אײַך עדות זאָגן, אַז ס'איז אַ ליגן, וואָרן זי איז גאָר ניט אַזוי געבילדעט, אַז זי זאָל טראָגן אייגענע האָר. און אויף דער צווייטער טאָכטער האָט מען גלאַט אויסגעטראַכט, אַז נאָך מיידלוויז... נאָר מאַלע וואָס קאָלאָמייע קען אויסטראַכטן! ס'אַ ליגן!

שמעון: כדאַי צו הערן וואָס מע קאָן בײַ אײַך אין קאָלאָמײע אויסטראַכטן?

בעריש: איך זאָג דאָך אײַך, אַז קאָלאָמײע איז אַ שטאָט פֿון סאַמע ליגנערס, באַרעדערס און פֿון לאַנגע צינגער. איר ווייסט דען ניט? אין אַ קליין שטעטל, אַז אַ מיידל שפּאַצירט איינע אַליין בײַנאַכט איבער דער גאַס אין דער ... פֿינצטער מיט אַ יונגן מאַן, ווערט שוין אַ טאַראַראַם.

שמעון: אָט דאָס גאָר?

בעריש: וואָס נאָך האָט איר געוואָלט? זי זאָל מיט אים אַנטלויפֿן אין מיטן יום־כפור קיין טשערנאָוויץ, אַזוי ווי מע זאָגט, די קלענערע האָט אָפּגעטאָן אַ שפּיצל?

שמעון: וואָס פֿאַר אַ שפּיצל האָט די קלענערע אָפּגעטאָן?

בעריש: ניט כדאַי, כ'לעבן נאָכצודערציילן אַלע שטותערײַען, וואָס גייען אַרום בײַ אונדז אין קאָלאָמײע. איך האָב פֿײַנט נאָכצודערציילן אַ ליגן!

שמעון: איר האָט שוין דערציילט אַזוי פֿיל ליגנס,דערציילט שוין דעם ליגן אויך.

בעריש: איך דערצייל ניט מײַנע ליגנס, ר' ייד. איך דערצייל יענעמס. און איך פֿאַרשטיי גלאַט ניט פֿאַרוואָס איר פֿרעגט זיך אַזוי שטאַרק נאָך אויף איטלעכן באַזונדער. איר זענט, דאַכט זיך מיר, אַ ייד, וואָס האָט ליב נאָר אויסטאַפּן, אויספֿאָרשן בײַ יענעם און אַליין האָט איר מורא אַ וואָרט אַרויסלאָזן... האָט קיין פֿאַראיבל ניט, וואָס איך זאָג אײַך דעם ריינעם אמת. איר זענט, ווי מיר דאַכט זיך, אַ רוסישער ייד. און רוסישע יידן האָבן אַ מיאוסע טבע אַרײַנצוקריכן יענעם מיט די שטיוול אין האַרצן אַרײַן... די רוסישע יידן זענען, ווײַזט אויס ניט קיין קליינע באַרעדערס... און סײַ־ווי־סײַ איז שוין באַלד קאָלאָמײע... איז זײַט זשע מוחל, לאָמיר נעמען מײַנע זאַכן (נעמט זיך צו זײַנע רענצלעך און לאָזט זיך גיין) – ווי האָט איר געזאָגט הייסט איר?

(פֿאָרהאַנג)

FOUR GENERATIONS - FOUR WILLS

Narrator:

Yitskhok Leybush Peretz, who lived from 1852 to 1915, was the greatest visionary of our Yiddish literature: one who not only sees, but foresees. Peretz saw and foresaw the barrenness of assimilation which increases with each passing generation unless - unless that generation does something to resist.

Four Generations - Four Wills reflects not only the Jewish way of life, but the Jewish way of death. It was customary for Jews, before they departed this world, to dispose of their worldly possessions in wills.

Listening to the wills in this play, we realize that with each generation, as material wealth increased, Jewish spiritual wealth decreases. Children who were satiated with inherited riches lost their reason for living. Everything had already been done for them - there was nothing left for which to strive. They felt emptied, useless to themselves and to society.

Four Generations - Four Wills was written over seventy years ago. It is visionary - it could be written today or even tomorrow.

פֿון י.ל. פּרץ   פֿיר דורות – פֿיר צוואות

באַאַרבעט פֿון סילוויאַ און וואָלף יזנין

אַרײַנפֿיר

יצחק לייבוש פּרץ, אײנער פֿון די הויפּט־זײַלן פֿון דער קלאַסישער יידישער ליטעראַטור, איז געבוירן געוואָרן אין זאַמאָשטש, פּוילן, דעם 18טן מאַי, 1852. דעם דריטן טאָג חול המועד פּסח, דעם 3טן אַפּריל, 1915 – איז ער געשטאָרבן פּלוצעם פֿון אַ האַרץ־אַטאַק בײַ זײַן שרײַבטיש אין וואַרשע. צו זײַן לוויה זײַנען געקומען איבער 100,000 מענטשן, כאָטש ס'איז געווען מלחמה־צײַט. „ער איז פֿאַר זיך אַליין אַ גאַנצע יידישע ליטעראַטור געשיכטע", דער פֿאַראײביקער פֿון פּוילישן יידנטום, דער אויפֿלעבער פֿון דערשטיקטן יידישן לעבן און אויפֿהיטער פֿון אונדזער פֿאָלקישן לשון – מאַמע־לשון יידיש. מיט זײַן וויזיאָנעריש אויג און פּאָעטיש־נביאישן פֿאַרזיס־געפֿיל האָט ער געזען אויך די מעגלעכע פּראָבלעמען אין דער צוקונפֿט. מיט זײַן דיסציפּלינירטן שרײַבערישן חוש האָט ער פֿאַרקריצט לדור־דורות דאָס יידישע שטײַגערלעבן, זײַנע פּראָבלעמען און זײַנע קאַמפֿן קעגן אַסימילאַציע אַז מיר זאָלן קענען פֿאַרבלײַבן אַ יידישע אומה צווישן פֿעלקער מיט אַן אײגענער פֿאָלק און קולטור־שפּראַך אין אַ וועלט פֿון סאָציאַלער אומגערעכטיקײט. פּרצן לײענט מען און אַ קאַפּיטל פּרץ לערנט מען.

די ליטעראַטור אַרום און וועגן יצחק לייבוש פּרץ איז באַלד אַזוי גרויס אין ביכער־פֿאַרנעם ווי אַלע פּרצס ווערק. ער איז נאָך אַלץ – 67 יאָר נאָך זײַן טויט – אײנער פֿון די אַלוועלטלעכע מײַסטערס וואָס ווערן געפֿאָרשט. זײַן קורצע דערציילונג „פֿיר דורות – פֿיר צוואות", וואָס ווערט דאָ געדרוקט אין אַ דראַמאַטיזירטער און באַאַרבעטער ווערסיע, באַווײַזט ווי הײַנטצײַטיק פּרץ פֿאַרבלײַבט.

....

(נאַראַטאָר בײַ אַ שטענדער, צוויי עלטערע יידן אין יאַרמלקעס, מיט לענגלעכע בערד און פּאות, בײַ אַ טישל. אַ ברענענדיק ליכט אין אַ לײַכטער, /די יידן/ טראָגן לאַנגע קאַפּאָטעס.)

בילד 1

נאַראַטאָר: אַז ר'אליעזר־הײַקלס איז נפֿטר געוואָרן, האָט מען אונטערן קישן געפֿונען אַזאַ קוויטל:

ערשטער ייד: (מיט שפּאַקולן אויף דער נאָז. לייענט פּאַמעלעך) מײַן רצון איז, אַז די קינדער זאָלן בלײַבן בײַם וואַלד בשותּפות.

צווייטער ייד: (וואָס שטייט איבער דעם ערשטן בײַם בענקל. רוקט אַרויף זײַנע ברילן אויפֿן שטערן, דערנענטערט די אויגן צו דער צוואה) נאָך מײַן פּטירה זאָלן זיי לאָזן מאַכן אַ צוים צום בית־עלמין און פֿאַרריכטן דעם דאַך פֿון שול.

ערשטער: די ספֿרים זאָל נעמען בני בנימין החתן שיחיה. די זין מיט די איידעמס האָבן געקראָגן ספֿרים צו דער חתונה.

צווייטער: זוגתי תּחיה....

ערשטער: מײַן יידענע, לאַנג לעבן זאָל זי....

צווייטער: זאָל בלײַבן וואוינען אין דער דירה באַזונדער. זאָל זי זיך צו־נעמען אַן אָרעמע יתומה ־ זי זאָל ניט בלײַבן אַליין. זי זאָל זיך מאַכן קידוש און הבדלה.

ערשטער: אַ חלק זאָל זי האָבן גלײַך מיט אַלע יורשים. אַ חוץ דעם.... (פֿאַרהאַקט זיך, רוקט צו נעענטער, דערנאָך ווײַטער פֿון זיך דאָס פּאַפּירל)... מער קען מען נישט לייענען. דאָס קוויטל איז אַפּנים פֿײַכטערהייט געלייגט געוואָרן אונטערן קישן, און די אותיות האָבן זיך אָפּגעמעקט....

(פֿאַרפֿינצטערונג)

<u>בילד צוויי</u>

צוויי יידן מיט אַ ביסל קירצערע בערד און קירצערע קאַפּאָטעס, מיט חסידישע קאַשקעטעלעך איבער די יאַרמלקעס. אָן ברילן.

נאַראַטאָר: ר׳ בנימין, דער זון פֿון ר׳ אליעזר־חײַקל, האָט שוין מער געשריבן:

ערשטער: (לייענט פֿון לאַנגן פּאַפּיר־בויגן) היות, ס׳איז געקומען די צײַט און איך וועל בקרוב זיך דאַרפֿן שיידן מיט דער וועלט. און אַ מענטש שרעקט זיך פֿאַר זײַן ליבן נאָמען און פֿאַר זײַן משפּט, נאָר גייען גיי איך פֿון דער וועלט אָן אומעט, חלילה, נאָר מיט גרויס בטחון אין אייבערשטן.

צווייטער: און דאָס, וואָס איז באמת געווען מײַן אויף דער וועלט, לאָז איך נאָר איבער אויף אַ צײַט. דאָס וועט מיר נאָכקומען איבער 120 יאָר.

ערשטער: און וואָס עס וועט מיר נישט נאָכקומען, איז קיינמאָל נישט געווען מײַן. איין גאָט ווייסט, צי איך לאָז עס איבער אָן שום עגמת־נפש.

צווייטער: אויף מײַן עשירות לאָז איך קיין צוואה נישט איבער. איך בין בטוח, אַז מײַן הויזגעזינד וועט זיך צעטיילן לויט יושר און לויטן דין.

ערשטער: און איך פאַרלאַנג אַז מײַן פרוי מיט די קינדער, זאָלן געזונט זײַן, זאָלן געבן צוויי מאָל אַ צענטל פאַר צדקה. באַלד נאָך מײַן פטירה זאָל מען מאַכן אַ חשבון, אָפּצאָלן אַלע חובות און אַראָפּנעמען אַ צענטל פונעם געלט און צעטיילן צווישן אָרעמע לײַט. דערנאָך זאָל מען פון דער איבערגעבליבענער ירושה געבן ווידער אַ צענטל, ווי מײַן מינהג איז געווען צו געבן מעשר פון די פאַרדינסטן פאַר אָרעמע לײַט.

צווייטער: און צו יעדן פון די צוויי צענטלעך זאָל מען נאָך צוגעבן אַ דריטל צו יעדן הונדערטער, טאָמער האָט מען געמאַכט אַ טעות. און געבן זאָל מען די צדקה פאַר פרעמדע אָרעמע לײַט, און נישט פאַר קרובים.

ערשטער: פאַר אָרעמע קרובים וועלן זיי אַליין וויסן וויפל צו געבן, אָבער נישט פון דער צדקה, ווײַל פון צדקה טאָר מען נישט געניסן, און אַז מע גיט נאָענטע קרובים, איז גלײַך ווי מע וואָלט געגעבן זיך.

צווייטער: און אויף מײַן מצבה זאָל מען אויסקריצן נאָר דעם נאָמען און דעם נאָמען פון פאָטער, זכרונו לברכה ־ נישט מער.

ערשטער: און איך בעט זייער מײַנע זין מיט די איידעמס זיי זאָלן זיך נישט אײַנגאַנצן אַרײַנטאָן אין די פּוסטקייטן און נישטיקייטן.

צווייטער: נישט וועלן זײַן בווקא גרויסע סוחרים ־ ווײַל, וואָס גרעסער דער געשעפטמאַן אַלץ קלענער דער ייִד. די ברכה קען אַרײַנקומען אין קליינע, ווי אין גרויסע געשעפטן.

ערשטער: דער עיקר באַשווער איך מײַן טײַערן זון ר'יחיאל, ווײַל כ'האָב געזען אַז ער האָט אַ שטאַרקע תאווה צו גבירישקייט. און פאַר אַ קלוגן איז גענוג מיט אַ וואונק.

צווייטער: און איך בעט זייער, אַז מײַנע קינדער זאָלן אָפּהיטן דעם מינהג און אָפּטײלן יעדעס יאָר פֿאַר ראש-השנה אַ צעטל פֿונעם ריוח פֿאַר אָרעמע לײַט. און אַפֿילו ווען עס וועט אַמאָל, חס-ושלום זײַן היזק, זאָלן זיי אויך טײלן צדקה.

ערשטער: דער עיקר בעט איך זייער, זיי זאָלן לערנען טאָג נאָך טאָג. לכל הפחות אַ בלאַט גמרא.

צווייטער: פֿאָרן (צום רבין) זאָלן זיי באָטש איין מאָל אַ יאָר.

ערשטער: די נשים ־ די פֿרויען ־ זאָלן לייענען „קב הישר" אויף עברי-טײַטש אַחוץ צאינה־וראינה שבת און יום־טוב.

צווייטער: אינעם טאָג פֿון יאָרצײַט זאָל מען אַ גאַנצן טאָג לערנען תורה, די פֿרויען זאָלן געבן צדקה. דער עיקר ־ מתן בסתר, אין דער שטיל, אַז קיינער זאָל אַפֿילו ניט וויסן דערפֿון.

(פֿאַרפֿינצטערונג)

בילד דריי

(ביידע ייִדן אין קורצע רעקלעך און קמץ־בערדלעך. מאָדערנע היט).

נאַראַטאָר: אַז מאָריץ (מיטן אַקצענט אויפֿן צווייטן טראַף)־ אַז מאָריץ בענדעטזאָן, בנימינס אַ זון, איז געשטאָרבן, האָט מען געפֿונען אַ צעטל אויף פּויליש: (ביידע ייִדן שטייענדיק. איינער מיט אַ טעקע אונטערן אָרעם).

ערשטער: מע זאָל שיקן אַ טעלעגראַמע קיין פּאַריז, און וואַרטן מיט דער קבורה ביז דער זון וועט קומען.

צווייטער: צען טויזנט גיב איך פֿאַר דער סינאַגאָגע. דעם פּראָצענט זאָל מען יעדן יאָרצייט צעטײלן אָרעמע לײַט.

ערשטער: צען טויזנט לאָז איך אויף אַ בעט אין נײַעם שפּיטאָל מיט דעם תנאַי: דאָס בעט זאָל אָנגערופֿן ווערן אויף מײַן נאָמען.

צווייטער: בשעת דער לוויה זאָל מען טײלן צדקה. מע זאָל שיקן נדבות אין אַלע תלמוד־תורות אַרײַן. די מלמדים מיט די קינדער זאָלן גיין נאָך מײַן לוויה.

ערשטער: מע זאָל דינגען אַ דיין, אָדער אַזוי אַ למדן, ער זאָל זאָגן נאָך מיר קדיש.

(פיר דורות - פיר צוואות)

צווייטער: די מצבה - לויט דעם מאָדעל וואָס איך לאָז איבער, זאָל מען באַשטעלן אין אויסלאַנד.

ערשטער: מע זאָל איבערלאָזן אין שול אַ געוויסע סומע געלט. דער גבאי זאָל נעמען אויף זיך אויסצוהאַלטן דעם קבר מיט דער מצבה.

צווייטער: (שאַרף און קורץ) דאָס געשעפט זאָל הייסן: „מאָריץ בענדעטזאָן - זבֿן זון."

ערשטער: און וואָס עס באַטרעפט...

נאַראַטאָר: מיר לאָזן איבער די רשימה פון זײַן פאַרמעגן און דעם חשבון פון די חובות און די גוטע עצות ווי אַזוי ווײַטער צו פירן דאָס געשעפט.

(פאַרפינצטערונג)

. . . .

בילד פיר

(ביידע אָן היט. מיט באַקנבערד. פאַרשפּיצטע וואָנצעלעך איינער פון זיי מיט אַ מאָנאָקל, אָדער פּענסנע (ברילן אָן רעמלעך PINCE-NEZ). אין רײַבע וועסטלעך, גרויסע זייגער-קייטלעך. הויזן מיט לאַמפּאַסן. בלומען אין די לאַצן. לאַקירענע לאַטשן מיט געטרעס (SPATS).

. . . .

אין הינטערגרונט אויף דער בינע, אין האַלב-טונקעלן ליכט - די 3 פריערדיקע צוואה-שרײַבערס אויסגעשטעלט לויטן סדר, אנגעטאָן און גרימירט פונקט ווי פריער. לעבן זיי דער ערשטער פירל‏ייענער פון דעם בילד 4, און גרימירט, ווי דער צווייטער בײַם טיש. אידענטיש אנגעטאָן.

דער צווייטער זיצט בײַ אַ שרײַבטיש, אנגעשטעלט מיט שאַמפּאַניער פלעשער און אַ גרויסע ווײַנגלאָז. אַ פלעשל אַרסעניק אויפן טיש. האַרט הינטער אים - דער נאַראַטאָר, וואָס קוקט אַריבער זײַן אַקסל צו זען, וואָס ער שרײַבט.

. . . .

צווייטער: איך, „מאַריץ בענדעטזאָן - זון", גיי אַוועק פֿון דער וועלט נישט פֿאַר נחת, נישט פֿון עצמת נפֿש, נאָר פֿון פוסטקייט.

נאַראַטאָר: אַ גרויסער חכם איז געווען אַריסטאָטעל. די נאַטור האָט פֿײַנט ליידיקייט. אַ שרעקלעכע מאַשין איז די וועלט. יעדעס רעדל האָט זײַן באַזונדערע אַרבעט, זײַן באַזונדערן צוועק. ווערט אַ רעדל פֿאַרדאָרבן, אָדער עס האָט אָפּגעאַרבעט זײַנס פֿאַר דער צײַט, גייט עס אַריבער פֿון גאָר אין ג א ר נ י ש ט...

צווייטער: איך קאָן לענגער נישט לעבן, ווײַל איך האָב דאָ נישט וואָס צו טאָן. איך טויג צו גאָרנישט, ווײַל איך האָב מײַנס אָפּגעלעבט.

נאַראַטאָר: האָסט אויסגעטרונקען דעם גאַנצן נחת וואָס דיר איז באַשערט געווען, אויפֿגעגעסן און אויסגעקושט אַלץ וואָס דו האָסט געדאַרפֿט.

צווייטער: מען האָט מיך אַ סך געלערנט, נאָר ווי אַזוי צו לעבן און נישט איינשלינגען דאָס לעבן האָט מען מיך נישט געלערנט.

(דאָ הייבט אָן יעדער פֿון די 4 אין הינטערגרונט - לויטן כראָנאָלאָגישן סדר איבערצוחזרן עכאָדיק)

עלצטער: ...האָט מען אים נישט געלערנט!

יינגערער: האָט מען אים נישט געלערנט!

דריטער: נישט געלערנט!

פערטער: נישט געלערנט!

צווייטער: כ'האָב קיין זאַך נישט אויף דער וועלט, וואָס זאָל מיך צובינדן צו זיך. ס'האָט מיר קיין זאַך נישט געפֿעלט, עס זאָל האָבן בײַ מיר אַ ווערט.

נאַראַטאָר: האָסט אַלץ גענומען -----

צווייטער: אָן זאָרג, אָן עצמת נפֿש, אָן אַרבעט.

נאַראַטאָר: אַזוי זאַכן, אַזוי מענטשן, אַזוי מענער, אַזוי פֿרויען.

צווייטער: אַלע האָבן מיר צווישמייכלט, און איך האָב קיין איינציקן פֿרײַנד נישט געהאַט.

עכאָס: (איטלעכער לויט זײַן סדר)

1. קיין איינציקן פֿרײַנד ניט געהאַט

2. קיין איינציקן פֿרײַנד

3. קיין איינציקן פֿרײַנד

4. קיין איינציקן פֿרײַנד

צווייטער: אַ פֿאַרמעגן האָב איך געיַרשנט און ס'איז געוואַקסן און האָט געמערט זיך אָן מײַן ווילן.

נאַראַטאָר: ס'איז געוואַקסן, ביז עס האָט דיך איבערגעוואַקסן.

צווייטער: אָפֿט האָט געווײנט אין מיר דאָס האַרץ: זאָל מיר עפּעס פֿעלן, זאָל איך עפּעס מוזן טאָן.

נאַראַטאָר: די דאָקטוירים האָבן דיר פֿאַרשריבן: גיין שפּאַצירן, שפּילערײַען, ספּאָרט...

צווייטער: יאָ, – ניט קיין לעבן, נאָר אַ פֿאַלש לעבן, געפֿעלשטע אַרבעט. און אַ סך שפּראַכן האָב איך געלויפֿיק גערעדט...

נאַראַטאָר: נאָר קיין איינציקע שפּראַך נישט געפֿילט. מיט ווערטער, ווי מיט פּילקעס זיך געשפּילט.

צווייטער: די גאַנצע וועלט איז געווען מײַן, אָבער איך בין צו קליין געווען איך זאָל זי קענען צוהאַלטן. צו קורצע הענט געהאַט, איך זאָל זי אַרומנעמען....

עכאָס: 1. צו קורצע הענט...

2. צו קורצע הענט...

3. צו קורצע הענט...

4. צו קורצע הענט...

נאַראַטאָר: קיין וועלט באַהערשן האָסטו נישט געקאָנט.

עכאָס: 1. באַהערשן די וועלט נישט געקענט!

2. באַהערשן די וועלט!

3. נישט געקענט!

4. נישט געקענט!

(4 דורות - 4 צוואות)

צווייטער: דאָס, וואָס איך וואָלט געקענט באַהערשן, דאָס האָב איך שוין געפונען גרייט. דאָס האָט מען מיר שוין איבערגעלאָזט בירושה. כ'האָב אויף גאָרנישט געדאַרפט אַרבעטן.

עכאָס: 1. אויף גאָרנישט געדאַרפט אַרבעטן...

2. נישט געדאַרפט אַרבעטן...

3. נישט אַרבעטן!...

4. נישט אַרבעטן!...

נאַראַטאָר: אַלץ איז פאַר דיינעטוועגן געטאָן געוואָרן. אַלץ האָט מען אָפּגעקויפט פאַר דיינעטוועגן.

צווייטער: אַלץ - דער שמייכל אויפן פריינדס פנים, דער קוש פון רויטע ליפּן, דער קדיש נאָכן טאַטן. אַלץ האָב איך געקויפט פאַר געלט. אָבער אַוועקגעבן עפּעס, אַוועקשענקען - דאָס האָט מען מיך נישט געלערנט. און דאָס קליינע איז מיר געוואָרן צו קליין, און דאָס גרויסע - צו גרויס, און נאָך וואָס צו לעבן איז נישט געווען.

נאַראַטאָר: און נאָך וואָס צו לעבן איז נישט געווען.

אַלע עכאָס: (צוזאַמען דאָס מאָל) און נאָך וואָס צו לעבן איז נישט געווען!

צווייטער: איך שטאַרב, ווייל איך בין אַן עקר (אָקאָר), אומפרוכטבערדיק - אַזוי מיטן גוף, אַזוי מיט דער נשמה. איך האָב אין מיר גאָרנישט וואָס זאָל לעבן און לעבעדיק מאַכן...איך האָב שוין לאַנג קיין הנאה נישט פון לעבן. איך לעב שוין לאַנג נישט.

עכאָס:

שוין לאַנג נישט!

שוין לאַנג נישט!

שוין לאַנג נישט!

לאַנג-נישט!...

צווייטער: מען האָט זיך מיט מיר אויפגעפירט ווי אַ פויער מיט אַ חזיר - מע האָט מיך געשטאָפּט...

נאַראַטאָר: (עכאָדיק) געשטאָפּט ...געשטאָפּט...געשטאָפּט...

צווייטער: נאָר אַז דער חזיר ווערט גענוג פעט, קוילעט אים דער פויער. מיך הייסט מען, כ'זאָל זיך אַליין קוילענען. און מיר פעלט דער מוט נישט צו פאָלגן...

נאַראַטאָר: דער אַרסעניק שטייט אויפן טיש - דער לעצטער געטראַנק.

צווייטער: דער לעצטער געטראַנק וואָס וועט מיך אָנשכורן און כ'וועל מיך שוין נישט אויסניכטערן. (פויזע) האָב איך נישט עמעצן צו דאַנקען?

נאַראַטאָר: ניין - האָסט פאַר אַלצדינג באַצאָלט. פאַרן לעצטן געטראַנק אויך.

צווייטער: זאָל איך עפּעס אָנזאָגן וועגן מיין פאַרמעגן? - נאָך וואָס? דאָס איז מיין אומגליק געווען...

עכאָס:

1. דאָס איז זיין אומגליק געווען.
2. דאָס איז זיין אומגליק געווען.
3. זיין אומגליק געווען.

אַלע: זיין אומגליק געווען.

צווייטער: (בלייבט מיט דער גלאָז אין האַנט אַריבערגעבויגן צום טישל)

(פאָרהאַנג)

THE BACHELOR

Narrator:

We Jews have always had a lot to cry about, yet we never lost our sense of laughter. Perhaps this is what kept us going.

Among the younger humorists who followed Sholem Aleichem, was Yoysef Tunkel - better known as Der Tunkeler. He lived from 1881 to 1949. His famous column, Der Krumer Shpigl - The Crooked Mirror - was popular all over the world.

In Der Bokher, one of his innumerable humorous stories, we get a taste of typical Jewish humor. A bachelor is a bachelor in any language - but a Jewish bachelor is something special with some very special problems, which is why he came to ask for advice in the first place. Should he marry or should he not? That is the question. And who is most qualified to give the right advice? A Jewish newspaperman, naturally. Let's follow the bachelor.

דער בחור ... פון: יוסף טונקל (דער טונקעלער)

(דראמאטיזירט פון א הומאָרעסקע – װאָלף יוניך)

פּאַרסױנען:

דער בחור – אַן אָפּגעלאָזענער אין קלײדונג. טראָגט א מאָדנעם קאַפּעליוש.

טרײבער – מיט קינסטלער–שלײפל, צעפלאָכטענע שטופּרינע האָר, טראָגט שװערע שפּאַקולן–רעמלעך.

זײן פרױ– לײדט פון א רײנקײט–מאַניע, רק זי רוימט–אויף. איז שטאַרק קורצזיכטיק

. . . .

(א קלונג אין טיר גלעקל. פרױ לאָזט זיך צו דער טיר. טרעט צום דרויסנדיקן)

טרײבערס פרױ: יאָ? װעמען װילט איר זען?

בחור: (פון יענער זײט טיר אויף א קול) דעם ײדישן טרײבער.

דער פון דער ײדישער פּרעסע (שטעלט ארײן פוס)

פרױ: . קומט ארײַן, אָבער װישט גוט אָפּ די פיס!

בחור: . (קומט ארײַן און װישט אָפּ די הענט אין די ארבל)

פרױ: . די פיס, האָב איך געזאָגט, װישט אָפּ. ערשט געװאַשן די פּאָדלאָגע.

בחור: (כאַפּט אראָפּ דעם קאַפּעליוש און פרואװט אים נערװעז אויפהענגען אויף דער „װאַנט" אין דער לופטן. הוט פאַלט אף דרערד)

פרױ: כ'האָב דאָך איך געזאָגט, אז כ'האָב ערשט אויסגעװאַשן – געזען אזוינס?

(צו איר מאַן, װאָס זיצט בײַם שרײַבטיש מיט לינלקע אין מויל פאַרטאָן אין א צײַטונג) זײ זענען געקומען צו דיר!

טרײבער: א? װאָס? זעסט ניט אז איך האַלט אין מיטן טראַכטן?

פרױ: (מיטן פלעדערװיש) פון טראַכטן מאַכט מען אָן אזוי פיל פּאָרעך? זע נאָר דעם שטויב ארום דיר (פרואװט אָפּרײניקן ארום אים און זײַן פנים מיטן פלעדערװיש).

טרײבער: זעט נאָר װי א פרױ האָט זיך אָנגעזעצט? לאָז זײַן א ביסעלע

בחור: איך וואוין אין א צימער און עס וואס עס מאכט זיך. קיין פענצטער אין מאגן איז ניטא-- קיינער זעט ניט.

שרייבער: (א ביסל פארנודיעט) יא!...

בחור: נאר חתונה האבן האב איך מורא...

שרייבער: וואס זשע ווילט איר פון מיר?

בחור: אן עצה - דאס אלץ!

שרייבער: פארוואס האט איר מורא חתונה צו האבן?

בחור: וייל אזוי. א ווייב דארף מען געבן עסן.

שרייבער: איז גיט מען!

בחור: און אז מע האט אליין ניט וואס צו עסן?

שרייבער: גיט מען ניט.

בחור: און אז א ווייב גייט ארום הונגעריק און בארוועס און האט נאך דערביי א צאנווייטיק, איז דאך גאר פאסקודנע!

שרייבער: אלץ הייסט פאסקודנע!

בחור: און אז ס'איז ניטא קיין פרנסה, איז אויס מיט שלום-בית. אין שטוב ווערט א גיהנום און מע רייסט זיך פאר די נעזער. פרעג איך אייך: האב איך א מאראלישע רעכט חתונה צו האבן?

שרייבער: איך מיין, אז ניט. קוים זענט איר ניט פארזארגט מיט חיונה, טארט איר ניט חתונה האבן.

בחור: און ווען איך זאל שוין יא זיין פארזארגט מיט חיונה? וואו האט איר געזען א בחור זאל זיין פארזארגט מיט פרנסה? אבער אז מע נעמט א ווייב, איז מען גאר אן אנדער מענטש: מע ווערט ענערגיש, מע קערט וועלטן ביז מע ווערט אן עושר.

שרייבער: אזוי מיינט איר?

בחור: וואס הייסט איך מיין? - די לאגיק ווייזט דאך: בחורווייז איז מען א קבצן. און איר ווייסט פארוואס? ווייל מע האט ניט קיין געלט. אבער נאך דער חתונה קריגט מען געלט!

טרייבער: און טאָמער חלילה וועט קיין געלט ניט זיין?

בחור: האָב איך דאָך דערפאַר א ווייב! מאַכטייסע – זאָגט איר מיר: ווי איז בעסער-געלט אָן א ווייב, צי א ווייב אָן געלט? היינט-וואָס האָט די ווערט אז מע ווערט א שטיקל מענטש און לייזן הייבן אָן צו אירצן? איך דאַרף אייך דערציילן? – א בחור איז „דו". קריגסטו א ווייב, ווערסטו שוין „איר".

טרייבער: יאָ!...

בחור: וואָס יאָ? אָט האָט מיך אן עלטערער ייד א פרעג געטאָן: זאָג מיר נאָר יאָסע-בער – דו ביסט נאָך א בחור, אָדער איר זענט שוין באַווייבט? איר פאַרשטייט? פאַר א באַווייבטן האָט מען רעספעקט, ווייל ווער האָט הנאה פון א בחור?

טרייבער: יאָ! איז וואָס זשע ווילט איר פון מיר?

בחור: אן עצה – דאָס אלץ. ענטפערט מיר, אדרבה: א קלעזמער איז א מענטש, צי ניט? א יאָ א מענטש? און א שדכן איז אויך א מענטש, און זיי דאַרפן לעבן.

טרייבער: אבסאָלוט.

בחור: און א בדחן און א סאַרווער און א רב, א מסדר קידושין – פאַר וואָס זאָל איך זיי ניט געבן צו פאַרדינען? און איבער א יאָר מערצעשעם, א מוהל, א ברית און אז דער אייבערשטער העלפט מיט א צווילינג... מיינט איר ניט, אז איך וואָלט געדאַרפט חתונה האָבן?

טרייבער: איך מיין אויך אזוי. איך זע גאָר ניט אײן פאַר וואָס איר דאַרפט לענגער וואַרטן. איר דאַרפט חתונה האָבן.

בחור: אזוי? חתונה האָבן? אוי דאָס, וואָס מע קען דערנאָך שוין ניט כאַפן צוריק? דאָס אַרט אייך ניט! דאָס וואָס איך וועל ווערן א שקלאַף, בעת איך האָב ליב פרייהייט!

טרייבער: (גיט א פאָכע מיט זיין נאָזטיכל) עס לעבע די פרייהייט!

בחור: א יאָ – א מענטש מיט מיין קוק אויפן לעבן טאָר ניט חתונה האָבן? וואָס טראַכט איר?

שרייבער: איר'ט מיר ארויסגעכאפט די ווערטער פון מויל. פרייהייט איז זייער וויכטיק און איר טאָרט ניט חתונה האָבן...

בחור: פרייהייט, זאָגט איר? און צופיל פרייהייט מיינט איר, איז גוט? און אז איכל מיר אַנלויפן און אַנטאנצן און אָנזינגען ווי א פויגל - איז דאָס א תכלית? איר זענט דאָך עפעס אן אינטעלעגענטישער מענטש.

שרייבער: מסכים - דאָס בין איך און כ'קען זיך ניט העלפן.

בחור: סאָ זאָגט זשע מיר: וואו איז דער ציל? פאר <u>וועמען</u> לעב איך און צוואָס לעב איך? ניט קיין דור, ניט קיין ווייב, ניט קיין קינד, ניט קיין רינד...

שרייבער: מיר געפעלט אייער פילאָסאָפיע...

בחור: איך בין נאָך קיין מאָל קיין באווייבטער ניט געווען, נאָר איך פארשטיי אז צו האָבן אן אייגן שטיקל קינד מוז זיין א גוטע זאך. וואָרן אז א קינד גיט א לאך, א גלעט -- פארגייען דאָך אלע וויטיקן. מיך - ברוך השם-- גלעט קיינער ניט, א חוץ דער פריזירער, ווען ער ראזירט מיך.

שרייבער: אוי!...

בחור: וואָס קרעכצט איר? איר <u>האָט דאָך</u> א ווייב!

שרייבער: טאקע דערפאר קרעכץ איך.

פרוי: (באווייזט זיך) האָסט מיך גערופן?

שרייבער: חלילה!

בחור: איז וואו האלט איך?

פרוי: (שטעקט אים אריין איר שמאטע אין האנט) איר האלט ביי מיין שמאטע, ר' ייד. (נעמט ארויס צוריק די שמאטע) אבי מע האָט אויסגעטראכט א בלבול אז <u>ווייבער</u> רעדן א סך...

שרייבער: (צו זיין פרוי) זיי מוחל, נאָר אפשר וואָלסן מיר דערלויבט דעם יונגן מאן פארענדיקן זיין זיצונג מיט מיר. ער איילט זיך. ער דארף אוועקגיין...

פרוי: ניין? איז ניט געפידלט, איז געטראבאָנצעט! (צום בחור) גיט נאָר אכטונג

איר זאָלט ניט פאַרפאַרטשען די פּאָדלאָגע, איך ראַט און ראַט (לאָזט זיך אוועקגיין)

טרייבער: מעט טוין אכטונג געבן...

בחור: (גיט א צעשאָקל דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט וועלן זיך דערמאָנען) זאָג איך אזוי, אז גאָט שיקט צו טייערע קינדערלעך מיט די רויטע בעקעלעך, קיילעכדיקע פעמפּיקלעך און ראָזע געזעסלעך... פרעג איך אייך: פאַר דעם אליין איז דאָך כדאי חתונה צו האָבן?

טרייבער: אלץ הייסט כדאי! פ׳סא קליינינקייט – קינדער!

בחור: כאפּט ניט – קינדער האָבן איז אויך גוט מיט א מאָס. אָבער וואָס טוט מען אז א ווייב צעלייגט זיך אין קימפּעט און ווערט געלעגן יאָר־איין יאָר־אויס, דאָ מיט א צווילינג אָדער א דריילינג – און אפשר טאַקע מיט גאַנצע פיר אָדער פינף פרעסערלעך. איר לייענט דאָך פּונקט ווי איך די בלעטער. מע קינדלט היינטיקע צייטן, אז ס׳גייט א רויך. איז צוואָס דאַרף איך עס אזוי פיל וועקזייגערס. ע!... (טוט א מאַך מיט דער האַנט) איך האָב נאָך צייט – וואָס איז אייער געטעצמע מיינונג?

טרייבער: (רעדט טוין מיט פאַרשטערטע צייַן, אומגעדולדיק) מיין געטעצטע מיינונג איז אויך אזוי.

בחור: וואָס אזוי? ווען אזוי? פאַר וואָס טראַכט איר זיך ניט אריין אין מיין לאגע?

טרייבער: אייער לאגע?

בחור: יאָ, מיין לאגע! איצט פרעגט מען נאָך ביי מיר: פאַר וואָס האָסטו ניט חתונה? באלד וועט מען מיך פרעגן: פאַר וואָס האָסטו ניט חתונה געהאַט? ווען וועל איך דעמאָלט נעמען אויף דער עלטער?

טרייבער: איר פרעגט מיך?

בחור: זעט נאָר ווי ער מאַכט זיך תמעתאַטע – איר זענט דאָך עפּעס א טרייבער, ווייסט איר ניט?

טרייבער: ווען ווען וועט איר נעמען? לאָמיר א טראַכט טאָן.

טרייבער: איר ווילט מיך פֿאָלגן? האָט ניט חתונה.

בחור: זייער גוט, אָבער פֿאַר וואָס זאָל איך וועלן זײַן קליגער פֿון אַלעמען? מע דאַרף חתונה האָבן און פּטור אַן עסק.

טרייבער: פֿאַרלירט ניט קיין רגע און פֿראַוועט ווײַן די מינוט אַ חתונה!

בחור: און פּאַקן אַ ווײַב מיט 18 מאָס רייד?...

טרייבער: האָט ניט חתונה!

בחור: און אפֿשר וועט דער איבערשטער צומאַכן איר פּיסק? אַ מענטש איז דאָך ניט קיין מאַשין... אַ מענטש וויל דאָך הערן אַ מענטשנס קול. זאָל זי רעדן, שילטן... אַבי זאָל זײַן אַ ווײַב...

טרייבער: (שמעלט זיך אויף) טאָ האָט יאָ חתונה!

בחור: און טאָמער...

טרייבער: טאָ האָט ניט חתונה...

בחור: און אַז איכל וועלן אַלט און קראַנק, ווער וועט...?

טרייבער: (אין כעס) האָט חתונה - איר הערט וואָס מע זאָגט אײַך?

בחור: זעט נאָר דעם עצה-געבער און אַז...

טרייבער: האָט ניט חתונה, האָט יאָ חתונה (כאַפּט אָן דעם בחור פֿאַרן לאַץ און טרייסלט אים ווי אַ לולב) חתונה האָבן זאָלסטו מיר, ממזר איינער! די מינוט - דו באַנדיט - ח - ת - ו - נ - ה !

בחור: (רײַסט זיך אַרויס, פֿאַרריכט זײַנע מלבושים) וואָס זענט איר אַזוי נער-וועיִש, וואָס? געזעץ אַ ייד זאָל אַזוי ווילד ווערן? מע טאָר אײַך גאָר ניט פֿרעגן קיין אומשולדיקע פֿראַגע? איר זענט דוכט זיך אַ גאַנץ גוטער טרייבער, אָבער איר האָט ניט קיין געדולד צו געבן אַ מענטשן די ריכטיקע עצה. כ'האָב דאָך נאָר געוואָלט וויסן צי איך זאָל...

טרייבער: (לאָזט זיך צו אים גרייט אײַנצווילינגען) יאָ חתונה... ניט חתונה... וועל איך אײַך באַלד חתונה מאַכן (האַרפּט זיך אויף אים מיט די הענט)

בחור: (טוט אַ כאַפּ זײַן קאַפּעליוש און אַ ווײַז מיטן פֿינגער אויפֿן שלייף פֿון קאָפּ) ער איז נעבעך ניט מיט אַלעמען...(צום טרייבער, ווען ער שטייט שוין בײַ דער טיר) זאָל אײַך דער איבערשטער צושיקן אַ רפֿואה שלימה, זײַט געזונט...

(פֿאָרהאַנג)

THE GOOD FRIEND

Narrator:

Ben Finkel, who wrote under the pseudonym of Yoysef Marshelik in the Jewish Daily Forward, was one of the younger outstanding American-Yiddish humorists. He died in the late 60's of this century.

More than anyone else, Marshelik was able to capture and portray the everyday humor of the Yiddish-speaking masses of America. His humor always had a subtle edge of satire.

In Der Guter Fraynd which takes place in a hospital room, we witness the devotion and friendliness of two landslayt who belong to the same society. One is ill in bed; the other is fulfilling the mitsve of bikur-khoylim - visiting a sick friend. The visitor is trying very hard to convince his sick friend that the latter has nothing to worry about - except maybe - but let's listen. . .

דער גוטער פֿרײַנד

לויט אַ הומאָרעסקע פֿון יוסף מאַרשעליק

(באַאַרבעט פֿון װאָלף יונין)

פּערסאָנאַזש: מנשה } -- בײדע אין די מיטעלע יאָרן
מענדל

אויף דער בינע: אַ טישל מיט רפֿואה־פֿלעשלעך. אַ װאַזע מיט פּאַפּירענע בלומען. אַ שאַבטל פּאַפּירענע װישטיכלעך. עטלעכע שטולן.

מנשה: (אין אַ שלאָפֿראָק און שטעקשיך. זיצט אָנגעלענט אויף אַ צעלײגשטול, קרעכצט).

מענדל: (קומט אַן מיט אַ פּעקל צונױפגעװיקלטע צײַטונגען אונטערן אָרעם)

מנשה: (טראָגט אים אַנטקעגן דעם) העלאָו מענדל!

מענדל: העלאָו, מנשה! (באַטראַכט אים אַ װײַלע)

מנשה: װאָס ביסטו אַזוי בלאַס?

מענדל: א י ך בין בלאַס?

מנשה: „יו אַר נאָט װיטה עװרי באָדי?" פֿילסט עפּעס ניט אַזוי דאָסיק?

מענדל: װאָס־זשע? איך - בין געקומען צו דיר, אַז דו זאָלסט מיך מבקר חולה זײַן?

מנשה: טאָ, פֿאַרװאָס שטײסטו אַזוי און ציטערסט?

מענדל: װער ציטערט, װער? איך טרײסל זיך נאָר א ביסל. כ'בין אַ כהן, האָב איך מורא דאָ צו זײַן אין שפּיטאָל.

מנשה: װאָס איז דאָ מורא צו האָבן?

מענדל: האָסט פֿאַרגעסן אַז אַ כהן טאָר ניט זײַן אונטער אײן דאַך מיט אַ מת?

מנשה: װאו זעסטו דאָ מתים?

מענדל: װאָס טו איך טאָמער עמעצער שטאַרבט דאָ אַװעק?

מנשה: װאָס הײסט מע שטאַרבט? צוװאָס דאַרף מען שטאַרבן?

מענדל: װאָס דאַרפֿסטו זיך אויפֿרעגן - ביסט דען אײן מענטש אין שפּיטאָל, װאָס האָט אַ שאַנס צו שטאַרבן? (נעמט אַ שטול, רוקט זיך צו און זעצט זיך)

לאָמיר בעסער רעדן פֿון פֿריילעכע זאַכן - וואָס מאַכסטו?

מנשה: גאָט צו דאַנקען, שוין בעסער. וואָס מאַכסטו?

מענדל: איך מוטשע זיך. נאָר גאָרניט - אַז איך טו אַ קוק אויף דיר, פֿיל איך ווי אַ גבור.

מנשה: וואָס זשע - אַזוי שלעכט זע איך אויס?

מענדל: ווער זאָגט שלעכט? פֿאַרקערט! ווערליק ווי אַ מענטש אין דײַן לאַגע, זעסטו אויס גאַנץ פֿײַן. מע קען זאָגן „פֿע - סאַ פּאַנקיט"...

מנשה: אין אַזאַ שלעכטער לאַגע בין איך עס?

מענדל: וואָס דאַרפֿסטו זיך אויפֿרעגן? כ'האָב דען געזאָגט, אַז דו ביסט, חלילה, אין אַ שלעכטער לאַגע? - פֿאַרקערט! לויט ווי פֿאַר אַ מענטשן מיט דײַן קרענק, ביסטו דווקא אין אַ גאַנץ גוטער לאַגע.

מנשה: אַזאַ געפֿערלעכע קראַנקייט האָב איך?

מענדל: ח-ל-יל-ה! פֿאַרקערט - לויט דער חולאת וואָס מע האָט געמיינט אַז דו האָסט, פֿאַרמאָגסטו אַפֿילו ניט קיין גוטע קרענק. ע! שטותערײַ! דו זאָג מיר בעסער ווי פֿילסטו?

מנשה: אַ דאַנק פֿאַרן פֿרעגן! שוין אַ סך שטאַרקער. כ'קען שוין אויפֿהייבן די רעכטע האַנט - זעסט?

מענדל: אָ! אויב אַזוי ביסטו שוין אָלרײַט. און וואָס איז מיט דער לינקער האנט?

מנשה: די לינקע - ניט פֿאַר דיר געדאַכט - איז נאָך אַלץ ניט ווי געווען.

מענדל: נו - אַ גרויסע דאגה האָסטו. דאַרפֿסט נייטיק האָבן אַ לינקע האַנט? וואָס ביסטו, אַ פרייז פֿײַטער? און סײַ ווי ביסטו ניט פון די לינקע.

מנשה: דער דאָקטער זאָגט אַז די לינקע וועט נאָך אפֿשר אויך זײַן אָלרײַט.

מענדל: איז דאָך אַוודאי גוט! אָבער נעם זיך ניט צום האַרצן - טאָמער ניט. ווייסט דאָך וואָס סע טוט זיך איצט אין אַמעריקע מיט די לינקע... פֿאַר די זאַכן וואָס דו וועסט נאָך האָבן צו טאָן, וועט זײַן גענוג די רעכטע האַנט אויך.

מנשה: וואָס זשע - ס'איז מיר שוין ניט געבליבן קיין סך צו טאָן?

מענדל: האָב איך עס דען געזאָגט? כ'האָב נאָר געזאָגט אַז מיט דער רעכטער האַנט קען מען אויך גענוג אויפֿטאָן. נעם אַלע גרעסטע מענטשן אין דער

גערשיכטע: עוג מלך הבשן, נאַפּאָלעאָן, אחשורוש, מײַן פֿעטער בעני פֿון קאַנאַרסי, יעקאַטערינע די גרויסע – אַלע האָבן געהאַט אַ רעכטע האַנט!

מנשה: און זײ האָבן אויך געהאַט צרות מיט דער לינקער האַנט?

מענדל: נאָו סער! אָבער געאַרבעט האָבן זײ מיט דער רעכטער. זעסט דאָך אַלײן אַז פֿון דער לינקער האַנט מאַכט מען ניט קײן צימעס!

מנשה: אוממעגלעך!

מענדל: וואָס זשע האָסטו געוואָלט – צוליב דיר זאָל מען איבערשרײַבן געשיכטע?

מנשה: מילא נו. זאָג מיר בעסער מענדל! וואָס שרײַבן די צײַטונגען?

מענדל: וואָס איז דיר שוין פֿאַר אַ חילוק, וואָס מע שרײַבט? גלײב מיר, אַז מע ליגט דאָ, וואו דו ליגסט און מע לײענט ניט קײן בלאַט איז אַ סך בעסער. אַפֿילו ווען דו וועסט געזונט ווערן, וועסטו סײַ ווי גאָרניט האָבן פֿאַרפֿעלט. און טאָמער חלילה ניט – ווי אַ זאַך מאַכט זיך... כ'מײן ביסט דאָך ניט מער ווי אַ מענטש – איז,וועסטן פֿאַרשפּאָרן זיך צו ערגערן.

מנשה: אַ? וואָס? האָסט עפּעס געהערט שלעכטע נײַעס וועגן מיר?

מענדל: נײן, אָבער אַ מענטש דאַרף זײַן גרײט אויף אַלעמען. מע קאָן ניט וויסן. אָט איז אַרומגעגאַנגען דײַן לאַנדסמאַן בערל ציגעלניק. געדענקסט אים?

מנשה: וואָ־דען – ניט?!

מענדל: אַרומגעגאַנגען פֿריש און געזונט ווי אַן אָקס. לעצטן פֿרײַטיק – אויס! וואָס זאָל איך דיר זאָגן! כ'בין געווען בײַ זײַן לוויה, ס'האָט געריסן דאָס האַרץ – די ביליקע פּאָליטישאַנס! האָסט געמעגט זען וואו מע האָט אים צוועקגעלײגט – לעבן ערגעסטן באָם סאָלאָמאָן פּאַרקער.

מנשה: סאָלאָמאָן פּאַרקער?

מענדל: יע, שלײמעלע פּאַרך...

מנשה: אוי ווײ איז מיר – מײַן קרקע איז גלײַך לעבן זײַנער.

מענדל: דאַרפֿסט זיך ניט אויפֿרעגן. ס'איז שוין אַלץ דערלײדיקט. ווײסט לעבן וועמען דו וועסט ליגן?

מנשה: וואָס הײסט? איך האַלט שוין בײַם ליגן?

מענדל: וועסט מערצעשעם ליגן. וועגן דעם דאַרפֿסטו זיך א ו י ך זאָרגן?

מנשה: אוי, ביסטו מיר אַ גוטער פֿרײַנד, מענדל! װי װעל איך אויסקומען אָן דיר?

מענדל: װעסט זיך צוגעװאוינען. גלײב מיר אַז מיך דאַרפֿסטו דאָרט ניט האָבן!

מנשה: װאו דאָרט?

מענדל: איך װײס? איך בין דאָרט ניט געװען. נאָר די לופֿט זאָגט מען איז דאָרט ערשטע קלאַס: הויך, טרוקן, עטלעכע בלאָק פֿון אַ פּאַרקל, גוטע באָס־פֿאַרבינדונגען צו אַ מואװי טעאַטער, און אײַזקרים פּאַרלאָר — װעסט זיך דאָרט מחיה זײַן.

מנשה: װי װײַט איז עס פֿון ניו־יאָרק אָט דער קאָנטרי־פּלאַץ װאָס דו רעדסט מיר אַ שידוך, װען כ'װעל מערטשעם אַרויס פֿון שפּיטאָל?

מענדל: ס'איז ניט אַקוראַט קײן קאָנטרי פּלאַץ, אָבער דאַרפֿסט זיך ניט ערגערן — אומעטיק װעט דיר דאָרט זיכער ניט זײַן לעבן טשאַרלין. געדענקסט דאָך אים?

מנשה: אַװדאי, מײַן קאָזין כאַצקל!

מענדל: דײַן געװעזענער קאָזין. ער האָט זיך אָפּגעטראָגן.

מנשה: װאָס? מײַן קאָזין כאַצקל איז שוין געשטאָרבן?

מענדל: צװאָס דאַרפֿסטו זיך אויפֿרעגן? ער איז דאָך געשטאָרבן. זאָל ער האָבן אַ „גוד טײַם” אויף יענער װעלט, און דו האָב הנאה פֿון דער װעלט.

מנשה: אוי — ס'איז מיר ניט גוט!

מענדל: שאַ, באַרואיק זיך. דער דאָקטער האָט געזאָגט אַז דו האָסט נאָך גוטע צװײ װאָכן, װעט מען װיסן װאו מע האַלט מיט דיר.

מנשה: אוי װײ איז מיר!

מענדל: פֿאָלג מיך, מנשה, שאַנעװע דײַנע נערװן. זיך אויפֿרעגן איז פֿאַר דיר סם, „פּאָיזאָן”... זײער ניט גוט פֿאַרן האַרץ, דו הערסט — מנשה? רעד אַ װאָרט... זעט נאָר — ער האָט דאָך אַװעקגעחלשט... דאָקטער! װאו איז דער דאָקטער?... כ'האָב אים אָבער געזאָגט ער זאָל זיך ניט אויפֿרעגן, האָט ער ניט געפֿאָלגט דער עקשן. (מינטערט אים און טרײסלט אים) מנשה, מנשה, רעד עפּעס — זאָג מיר צי דו לעבסט, אָדער ביסט חלילה געשטאָרבן־ענטפֿער מיר. שטאַרב ניט, מײַן גוטער פֿרײַנד, כ'בעט דיך — ס'איז זײער ניט גוט פֿאַר דײַן געזונט! אכילו אויף יענער װעלט איז גוט צו קומען אַ געזונטער — מנשה, זאָג עפּעס!...

(פֿאָרהאַנג)

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

די פינף ייִדישע איינאַקטערס װערן אַרױסגעגעבן מיטן ציל צו דינען דער אַמעריקאַנער ייִדישער געמיינדע אױף אַ געביט װאָס איז די לעצטע יאָרן שטאַרק פֿאַרנאַכלעסיקט: ייִדישער דראַמאַטישער רעפּערטואַר, צוגעפּאַסט צו דער איצטיקער צײַט.

די באַקאַנטע שרײַבערס װאָלף און סילװיאַ יונין האָבן באַאַרבעט די פינף איינאַקטערס פון שלום עליכם, פּרץ, י. טונקעלער און י. מאַרשעליק, אױף אַזאַ אופן, אַז די טעקסטן זאָלן זיך לײַכט לייגן אױף דער צונג פון אַמעריקאַנער געבאָרענע יונגע מענער און פרויען װעלכע זײַנען פאַראינטערעסירט אױפצופירן שאַפונגען פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

יעדער איינאַקטער הייבט זיך אָן מיט אַן ענגלישן אַרײַנפיר, כדי יענע װאָס פאַרשטייען שװאַך ייִדיש, זאָלן בעסער קענען פאַרשטיין דעם אינהאַלט און די סביבה פון דער שפּיל.

דאָס זײַנען די ערשטע פינף פון אַ סעריע איינאַקטערס פון דער ייִדישער ליטעראַטור, װאָס מיר גיבן אַרױס אַ דאַנק דעם נ. כאַנין פאָנד בײַם אַרבעטער־רינג. די װײַטערדיקע איינאַקטערס װעלן זײַן פאַר אַנסאַמבל גרופּעס.

מיר זײַנען פאַראינטערעסירט צו הערן קאָמענטאַרן װעגן די איצטיקע פינף איינאַקטערס און אױך פאָרשלאָגן װעגן אַנדערע.

* * * * * *

These five Yiddish one-act plays are being published as a service to the American-Jewish community in the area which has, in recent years, been neglected: Yiddish dramatic repertoire relevant to today.

The well-known writers, Wolf and Sylvia Younin, have adapted the five plays by Sholem Aleichem, Peretz, I. Tunkeler and I. Marshelik in a manner that will make them easily spoken by American young men and women who are interested in performing in works from Yiddish literature.

Each play has a brief English introduction to help those not so fluent in Yiddish understand the contents and setting of the play.

These are the first five of a series from Yiddish literature which we are publishing with funds from the N. Chanin Foundation of the Workmen's Circle. The others in the series will be for ensemble groups.

We would be interested in receiving comments on these five one-act plays and suggestions for the publication of others.

J. Mlotek, Education Director
Workmen's Circle

opeiu:153

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

* * * * *

These five Yiddish one-act plays are being published as a service to the American-Jewish community in the area which has, in recent years, been neglected: Yiddish dramatic repertoire relevant to today.

The well-known writers, Wolf and Sylvia Younin, have adapted the five plays by Sholem Aleichem, Peretz, I. Tunkeler and [illegible] in a manner that will make them easily spoken by American young men and women who are interested in performing in works from Yiddish literature.

Each play has a brief English introduction to help those not at fluent in Yiddish understand the contents and setting of the play.

These are the first five of a series from Yiddish literature which we are publishing with funds from the N. Chanin Foundation of the Workmen's Circle. The others in the series will be for ensemble groups.

We would be interested in receiving comments on these five one-act plays and suggestions for the publication of others.

J. Mlotek, Education Director
Workmen's Circle

opeiu:153